**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/25/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול און דער נאציאנאלער וועטער סערוויס מעלדן אויס שווערע וועטער באוואוסטזיניגקייט וואך אין ניו יארק סטעיט

### *צוזאמארבעט טוט אויסשולן ניו יארקער אויף געפארן פון פלייצונג, טארנאדאס און שווערע דונערשטורעמס דורכאויס פרילינג און זומער מאנאטן*

### *שווערע וועטער באוואוסטזיניגקייט וואך איז אפריל 25 ביז 29, 2022*

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגערופן דעם וואך אלס שווערע וועטער באוואוסטזיניגקייט וואך כדי ארויסצוהייבן די סעזאנעלע געפארן פון פלייצונגען, טארנאדאס און דונערשטורעמס דורכאויס די פרילינג און זומער מאנאטן אין ניו יארק סטעיט.

״אזוי ווי קלימאט ענדערונג טוט ווייטער דראען קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט, זענען מיר שארף פאקוסירט אויף אויסשולן און צוגרייטן ניו יארקער פאר שווערע וועטער כדי אז זיי זאלן קענען זיין בעסער אויסגעשטאט פאר צוקונפטיגע שטורעמס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״שווערע וועטער פאסירונגען ווערן מער אלגעמיין אין ניו יארק, און אזוי ווי זומער האלט שוין אט ביים אנקומען, זאלן איינוואוינער זיין צוגעגרייט פאר סיי וואס עס וועט קומען אין דעם צוקונפט. איך מוטיג אלע ניו יארקער זיך צו לערנען מער איבער שווערע וועטער און די געפארן געשאפן דורך דונערשטורעמס, פלייצונגען און טארנאדאס כדי אז איר ווייסט וויאזוי צו האלטן זיך און אייערע טייערע און באליבטע אפגעהיטן אין פאל פון א וועטער עמערדזשענסי.״

ניו יארק סטעיט און דער נאציאנאלער וועטער סערוויס יערליכע קאמפיין איז געאייגנט צו אויסשולן דעם פובליק אויף וואס צו ערווארטן פון ספעציפישע וועטער דראונגען, און וויאזוי ניו יארקער קענען באשיצן זיך און זייערע פאמיליעס דורכאויס שווערע וועטער פאסירונגען ווי צ.ב.ש. דונערשטורעמס, טארנאדאס אדער פלוצימדיגע פלייצונג אינצידענטן. דורכשניטליך, לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, שטארבן 88 מענטשן יערליך אין פלייצונגען, 41 צוליב בליצן און 68 צוליב טארנאדאס.

**סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט קען מיטמאכן שווערע וועטער דורכאויס דעם יאר, איבערהויפט דורכאויס די פרילינג און זומער מאנאטן, און דערפאר איז אזוי וויכטיג אז ניו יארקער ווייסן וויאזוי צו פארוואלטן די דראונגען פון שווערע וועטער. ניו יארקער קענען נאכקוקן אונזער סאָושעל מידיע דעם וואך זיך צו לערנען וויאזוי זיך צו גרייט מאכן פאר און זיך אפרופן צו שווערע וועטער. ווען געפארפולע שטורעמס שטויסן זיך אן, איז נויטיג צו האבן א פלאן און זיין גרייט זיך צו באהאלטן אין א שוץ-ארט אדער עוואקואירן, לויט די אומשטענדן.״

**נאציאנאלער וועטער סערוויס אמטירנדע דירעקטארין מערי עריקסאן האט געזאגט**, ״דער נאציאנאלער וועטער סערוויס באזארגט צייטליכע און אקוראטע באוואכונגען און באווארענונגען, אבער זיי זענען נאר ווירקזאם אויב מענטשן באקומען זיי, פארשטייען זייערע ריזיקעס, און קענען נעמען שריטן זיך צו באשיצן. נעמט זיך די צייט זיך צו גרייט מאכן פאר שווערע וועטער דורך זיך איינשרייבן פאר ארטיגע וועטער עמערדזשענסי מודעות צו פארזיכערן אז איר באקומט גיך באווארענונגען און מאכט עמערדזשענסי פלענער מיט אייער פאמיליע.״

אונטן זענען די פיר טריטן צו פערזענליכע גרייטקייט וואס אלע ניו יארקער דארפן וויסן:

1. **מאכט א פלאן:** ארבעט אויס א פלאן פאר זיך און אייער פאמיליע אינדערהיים, אין סקול, ביי די ארבעט און אינדרויסן. באשטימט א זיכערע ארט זיך צו שיצן — סיי ביי אייך אינדערהיים און סיי ערגעץ אנדערש — און זייט וויסן וואספארא שריטן צו נעמען ווען אן עמערדזשענסי ווארענונג ווערט ארויסגעשטעלט.
2. **מאכט גרייט א שאכטל:** עמערדזשענסי סופלייס פאר אייער היים און קאַר זאלן זיין גענוג אויף 7 ביז 10 טעג, און אנטהאלטן א פלעשלייט, א וועטער ראדיא וואס באקומט בראָודקעסטס דירעקט פון דעם נאציאנאלן וועטער סערוויס, און עקסטערע באטעריעס. פלאנירט פאר פאמיליע מעדיצינישע געברויכן און מעדיצינען, און מאכט זיכער איר האט עמערדזשענסי סופלייס פאר אלע פאמיליע שטוב-באשעפענישן.
3. **זייט אינפארמירט:** האלטס אייך אויפמערקזאם צו די טעלעוויזיע און ראדיא סטאנציעס פאר עמערדזשענסי באווארענונג סיסטעם (EAS) מעלדונגען און פאלגט נאך סיי וועלכע ארטיגע עמערדזשענסי פאראָרדענונגען. באקומט עמערדזשענסי אינפארמאציע דורך אייער קאמפיוטער אדער סעלפאָן דורך זיך איינשרייבן פאר ׳NY Alert׳ ביי [alert.ny.gov](alert.ny.gov), א בחינם׳דיגע סערוויס וואס באזארגט קריטיש-וויכטיגע עמערדזשענסי אינפארמאציע.
4. **לייגט צו א האנט:** פארבינדט אייך מיט אייער ארטיגע עמערדזשענסי פארוואלטונג אפיס זיך צו לערנען מער איבער עמערדזשענסי פלענער און פערזענליכע גרייטקייט עצות. נעמען אין באטראכט צו וואלונטירן מיט ארגאניזאציעס ווי למשל דער [אמעריקאנער רויטער קרייץ](), [ניו יארק קעירס](), [וואלונטיר ניו יארק](), אדער דער [׳סאַלוועישען אַרמיי׳.]()

פאר מער אינפארמאציע אויף פערזענליכע גרייטקייט פאר שווערע וועטער, באזוכט דעם DHSES זיכערהייט און פארהיטונג וועבזייטל ביי [dhses.ny.gov/safety](dhses.ny.gov/safety).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418